בעזרת השם יתברך

# פרק עג-עד

## שלח

### אין די פרקים ווערן ערקלערט:

יעדע נאַכט איז מען דן די נשמה אין הימל. - אַ חוט של חסד ווערט אַרויפגעצויגן אויף די מענטשן וואָס לערנען תורה ביינאַכט. - אַ מעשה פון די חכמים וואָס ווערט געברענגט אין זוהר וועגן לערנען תורה ביינאַכט. - אין דער נאַכט פאַרן ברית מילה, דאַרף דאָס קינד אַ באַזונדערע שמירה. - דברי תורה זענען אַ גרויסע שמירה פאַר די יולדת און פאַרן קינד. - דורך די תורה וואָס מילערנט אין אַ וואַך נאַכט, איז מען גורם פיל גוטס און ישועות. - דער גרויסער זכות פון מצות מילה.

די נשמות פון צדיקים העלפן די יראי שמים ניצול ווערן פון אַן עבירה און פון הרהורי עבירה. - קנאה אויף דעם חבר איז גורם צו דעם איסור גזל וכדומה. - דער אויבערשטער איז מדקדק אפילו אויף א דיבור. - די מצוה וואָס אַ מענטש איז מקיים, איז פאַר אים מליץ יושר. - פאַר תורה לשמה באַקומט מען אַ דאפּלטן שכר.

# אוצר של יראת שמים

**ב. כי אם את ה' אלוקיכם תיראו והוא יציל אתכם מיד כל אויביכם (מלכים ב' יז, לט) - העצה היחידה איך להציל את עם ישראל מהפחד הגדול - במצב הנורא שלנו מהמלחמות של כל העולם כולו נגד עם ישראל**

**הגאולה תלוי-ה בנשים צדקניות כמ"ש (סוטה יא:), בזכות נשים צדקניות נגאלו אבותינו ממצרים. וכמו שהיתה גאולה ראשונה גם כן תהיה גאולה אחרונה (קב הישר פ' פ"ב) וכמ"ש אשה יראת ה' היא תתהלל (משלי לא, ל).**

**העצה הוא:** ללמוד ולומר ולהכניס בלבו כל יום פסוקי ועניני יראת שמים, שמצווה לירא את ה' הנכבד והנורא היא אחת מתרי"ג מצוות והיא מצווה תדירית, שבכל עת רגע שיזכור ליראה את ה' מקיים מצוה דאורייתא, (פלא יועץ), ועיקר המצווה הוא לפחד מן העונש, שעי"ז יסור מן הרעה. ועי"ז שאנחנו נכניס בלבנו אהבתו ויראתו יתברך שמו, כמו שאנחנו מתפללים בכל יום, ויחד לבבנו לאהבה וליראה את שמך, עי"ז הקב"ה יתנהג אתנו ג"כ במידה כנגד מידה שלא נצטרך לפחד משום אחד בעולם רק מפני הקב"ה ית"ש. כמו שאמר שלמה המלך החכם (משלי טז ז), "ברצות ה' דרכי איש גם אויביו ישלים אתו" (חובת הלבבות פ"ד). וראה מ"ש באורחות חיים להרא"ש, "לבטוח בה' בכל לבבך ולהאמין בהשגחתו הפרטית, ובזה תקיים בלבבך היחוד השלם בהאמין בו כי עיניו משוטטות בכל הארץ, ועיניו על כל דרכי איש, ובוחן לב וחוקר כליות – חזה יסוד כל התורה כולה. ובזכות זה נזכה בקרוב ממש ל"שיבנה בית המקדש במהרה בימינו, ותן חלקינו בתורתך, **ושם נעבדך ביראה** כימי עולם וכשנים קדמוניות"

**דעו אפילו אם יש לך תורה ומעשים טובים, אם אין לך יראת שמים לא שוה כלום ליום הדין. אי יראת ה' היא אוצרו אין, אי לא לא, (שבת לא:). יא).**

1. את אלוקים אני ירא (בראשית מב, יח).
2. ועתה ישראל מה ה' אלוקיך שואל מעמך כי אם ליראה את ה' אלוקיך (דברים י', יב, קב הישר פרק צ').
3. ליראה את ה' אלוקינו כל הימים לחיותינו כהיום הזה (דברים ו' כד).
4. את ה' אלוקיך תירה אותו תעבוד ובו תדבק (דברים י' כ).
5. מי יתן והיה לבבם זה ליראה אותי כל הימים (דברים ה' כו).
6. יראת ה' היא אוצרו (ישעי' לג, ו, ברכות לג:).
7. ראשית חכמה יראת ה' (תהלים קיא, י').
8. סמר מפחדך בשרי וממשפטיך יראתי (קיט, קכ).
9. סוף דבר הכל נשמע את האלוקים ירא ואת מצוותיו שמור כי זה כל האדם (קהלת יב, יג).
10. אמר רבא בשעה שמכניסין האדם לדין אומרים לו נשאת ונתת באמונה, קבעת עיתים לתורה, עסקת בפרי' ורבי' ..צפית לישועה..אפילו הכי אי יראת ה' היא אוצרו אין, אי לא לא, (שבת לא:).
11. אמר רבי יהודה לא ברא הקב"ה את עולמו אלא בשביל שהבריות יראו מלפניו (שבת לא:).
12. אין לו להקב"ה בעולמו אלא יראת שמים בלבד (שבת לא:).

**נא לפרסם הידיעה הזאת בכל העולם כולו, בבתי בתי מדרשים,**
**בישיבות ובבתי ספר לחינוך לבנות ובכל בית ובית.**
**וכל המזכה את הרבים זוכה לבנים צדיקים, וניצל מכל גזירות קשות.**

# אינהאלט
## פון פרקים ע״ג - ע״ד


א. אין פרק ע״ג ווערט דערקלערט: די מעלות פון לימוד התורה ביינאַכט און בפרט האַלבער נאַכט ... ה

ב. זייערע נשמות גייען אַרויס און זאָגן עדות אויף זייערע מעשים וואָס זיי האָבן געטאָן ביי טאָג און ווערן באַשטולדיגט ביים בית דין של מעלה ... ה

ג. די שכינה און צדיקים אין גן עדן הערן זיך צו צום קול תורה, וואָס אַ איד לערנט דעמאָלץ, און בעטן: לערן מיט אַ הויך קול, כדי דאָס זאָל דערהערט ווערן אויבן ... ו

ד. ווארום איז זיי און וואויל איז זייער חלק ... ו

ה. עס זאָל ביי דיר נישט זיין גרינג דאָס ביינאַכט לערנען ... ו

ו. איך דאַרף ער זאָל מיך אויף וועקן, אויף צו שטיין האַלבער נאַכט ... ז

ז. געלויבט איז גאָט וואָס ער האָט מיך אהער געברענגט, ווייל דאָ שטייט מען אויף האַלבער נאַכט ... ז

ח. דער סוד פון ״חֲצוֹת לַיְלָה אָקוּם לְהוֹדוֹת לָךְ״ ... ז

ט. די חיוב אנצוגרייטן פאַרן ברית א שטול פאַר אליהו הנביא ... ח

י. דער נאַכט פאַרן ברית מוז דאָס קינד האָבן אַ שמירה פון די מחבלים ... ט

יא. תורה באַשיצט און איז מציל פון אַלערליי שאָדן פון דער וועלט ... י

יב. דורך דער תורה וואָס מען לערנט אין דער וואַך נאכט ווערט אליהו הנביא אַנטפלעקט ... י

יג. דאָס פנים פון רבי אַבאָ האָט געברענט ווי פייער פון צוליב דער חדוה פון תורה ... יא

**יד.** אליהו הנביא האָט געזאָגט דעם פסוק (תהילים סה, ה) ״אַשְׁרֵי תִּבְחַר וּתְקָרֵב, יִשְׁכֹּן חֲצֵרֶיךָ, נִשְׂבְּעָה בְּטוּב בֵּיתֶךָ, קְדֹשׁ הֵיכָלֶךָ״ ........ יא
**טו.** וואוּיל איז דעם מענטש וואָס מליט זיין קינד מיט שמחה ........ יב
**טז.** וואויל איז אייך אויף דער וועלט און וואויל איז אייך אויף יענער וועלט ........ יב
**יז.** די אַלע גוטע זאַכן זענען געווען באַהאַלטן ביי דיר און דו האָסט מיר זיי נישט געזאָגט ........ יג
**יח.** מאַך תורה פאַר אַ קביעות, און געשעפט-ענינים פאַר אַן ארעי (טפל) ........ יג
**יט.** אין פרק ע״ד ווערט דערקלערט: אַז די נשמות פון צדיקים העלפן יעדן ירא שמים ניצול ווערן פון עבירות ........ טו
**כ.** צוויי הינדן האָבן געטאָן אַ נחת רוח פאַר מיר ........ טו
**כא.** איך האָב געפרעגט ווער זענען די מלאָכים געווען וואָס האָבן באַגעגנט יעקב, האָט מען מיר געענטפערט אברהם און יצחק ........ טו
**כב.** בשעת די עקידה איז זיין נשמה אַרויס פון אים, און זי איז געוואָרן אַ מלאָך ........ טז
**כג.** יעדער מענטש זאָל געוואָרנט זיין נישט נכשל צו ווערן מיט שלעכטע מחשבות, ווייל דאָס וועט אים צוברענגען עובר צו זיין אויף האַרבע עבירות ........ טז
**כד.** יעדער פלאַץ וואו אַ מענטש גייט זענען דא העלפערס פאַר זיינע מחשבות, סיי גוטס און סיי שלעכטס ח״ו ........ יז
**כה.** מען זאָל נישט צו פיל הנאה האָבן פון תענוגי עולם הזה אַפילו אויב מען האָט געלט ........ יז
**כו.** אויף יענער וועלט איז נישט מעגליך צו לייקענען די שלעכטע מעשים, ווייל מלאָכים זאָגן עדות אויף דעם ........ יח
**כז.** דעריבער זאָל יעדער גוטע מעשה זיין טייער אין דיינע אויגן ........ יח
**כח.** אַ מצוה וואָס ווערט גערעכנט ווי אַ מת מצוה, זיי זיך מזרז איר מקיים צו זיין! ........ יח
**כט.** דער שר הפנים צינדט אָן פאַר אים ליכט וואָס איז געמאַכט פון שיינקייט פון דער לויטערקייט און שכינה ........ יט

# פרק ע״ג

## אין דעם פרק ווערט דערקלערט: די מעלות פון לימוד התורה ביינאַכט און בפרט האַלב נאַכט

**א. אמרו,** אונזערע חכמים זכרונם לברכה האָבן געזאָגט (עירובין סה, ע״א) ״לָא אִיבְרֵי לֵילְיָא אֶלָּא לְגִרְסָא״, די נאַכט איז באַשאַפן געוואָרן נאָר אויף לערנען, ווייל דער כבוד פון אַ הויז וואו עס הערט זיך אַ קול תורה איז זייער גרויס, ווייל ווען אַ מענטש שלאָפט גייט זיין נשמה אַרויס פון אים, זאָגט זי עדות אויף אים וואָס ער האָט געטאָן אין דעם טאָג, און מען איז דן די נשמה סיי אויף גוטס און סיי אויף שלעכטס, ווייל ביי נאַכט זיצט דאָס בית דין של מעלה און זענען דן די נשמות.

## זייערע נשמות גייען אַרויס און זאָגן עדות אויף זייערע מעשים וואָס זיי האָבן געטאָן ביי טאָג און ווערן באַשולדיגט ביים בית דין של מעלה,

**ב. ובשעה,** און אין דער ערשטער שעה ווי די זון גייט אונטער איז דאָ אַ ממונה גבריאל וואָס רופט אויס, און דער כרוז גייט דורך צוועלף טויערן (זהר ח״א. דף צב, ע״א), וואָס ווערן געעפענט ווען די זון גייט אויף צו שיינען, און ווערן פאַרשלאָסן ווען די זון גייט אונטער, אַ גאַנצע נאַכט, און דעמאלטס, אַלע מלאָכים וואָס זענען ממונה צו היטן די וועלט, זיי אַלע ווערן איינגעזאַמלט אין הימל גאַנץ הויך, און די טויערן פון רחמים ווערן פאַרשלאָסן, און די בית דינים ווערן דערוועקט. עס שטייען אויף די מלאָכים וואָס זענען ממונה איבער די תקיעות, און בלאָזן, און דאָס איז אַ סימן אַז די מלאָכים וועלן שטיין אַ האַלבער נאַכט, די וואָס זענען מיוחד צו זאָגן שירה. דעמאלטס ווערן תיכף דערוועקט די מלאָכים, און שטייען מיט פאָרכט, און הייליקייט, ריינקייט און זינגען און לויבן פאַר גאָט ברוך הוא, און

דעמאָלץ אָנפאַנג נאַכט, שלאָפן מענטשן אויף זייערע בעטן, און זייערע נשמות גייען אַרויס און זאָגן עדות אויף זייערע מעשים וואָס זיי האָבן געטאָן ביי טאָג און ווערן באַשולדיגט ביים בית דין של מעלה.

**די שכינה און צדיקים אין גן עדן הערן זיך צו צום קול תורה, וואָס אַ איד לערנט דעמאָלץ, און בעטן: לערן מיט אַ הויך קול, כדי דאָס זאָל דערהערט ווערן אויבן...**

האַלבער נאַכט ווערט דערוועקט אַ צפון ווינט, זייער אַ שטאַרקער. און עס שטייט אויף אַ ממונה און גיט אים אַ קלאַפּ מיט אַ שפּיז און דער ווינט ווערט איינגעשטילט. דעמאָלץ גייט השם יתברך זיך פרייען מיט די צדיקים אין גן עדן, אַזוי ווי עס שטייט (שיר השירים ח, יג) ״ הַיּוֹשֶׁבֶת בַּגַּנִּים, חֲבֵרִים מַקְשִׁיבִים לְקוֹלֵךְ הַשְׁמִיעִנִי וְגוֹ׳״.

**וואויל איז זיי און וואויל איז זייער חלק**

**ג. והקדוש ברוך הוא,** און השי״ת איז ממשיך אַ חסד שטראַל אויף די מענטשן וואָס שטייען אויף ביי נאַכט אים צו דינען, און אַוודאַי אויף די וואָס שטייען אויף צו חצות, ווערט געצויגן אַ חסד שטראַל און אַ גרויס ליכט פון די גן עדן פלאַנצן פונעם אָרט נחל קדומים. און נאָך זיין טויט איז זיין חלק אָנגעגרייט אין אַ אָרט פון רוה אין שמחה. וואויל איז צו אים און וואויל איז זיין חלק.

**עס זאָל ביי דיר נישט זיין גרינג דאָס ביינאַכט לערנען**

**ד. על כן,** דעריבער זאָל ביי דיר נישט זיין גרינג דאָס ביינאַכט לערנען. אונזערע פריערדיגע חכמים האָבן זיך געקלוגט און געמאַכט סימנים זיי זאָלן קענען מכוין זיין, אויף שטיין פונקט האַלבער נאַכט צו לערנען תורה, כדי זיי זאָלן זיך באַהעפטן מיט די צדיקים, וואס זענען אין גן עדן און הערן תורה פון גאָט ברוך הוא, אַזוי ווי מיר טרעפן אין זוהר (שם דף צב ע״ב - צו, ע״ב).

## איך דאַרף ער זאָל מיך אויף וועקן, אויף צו שטיין האַלבער נאַכט

**רבי אַבאָ** און רבי יעקב זענען געגאַנגען פון דער שטאָט טבריה צום טרשא, און זענען איינגעשטאַנען אין אַ גאַסט הויז ווען זיי האָבן זיך געוואָלט לייגן שלאָפן, האָט רבי אַבאָ געזאָגט צום בעל הבית: האָט איר אפשר אַ האָן? האָט אים דער בעל הבית געענטפערט נאָך וואָס דאַרפסטו אַ האָן? האָט רבי אַבאָ אים צוריק געענטפערט: איך דאַרף ער זאָל מיך אויף וועקן, אויף צו שטיין האַלבער נאַכט.

**ה. אמר לו,** האָט דער בעל הבית אים געזאָגט, דערויף דאַרף מען נישט קיין האָן, ווייל איך האָב אַן אַנדערען סימן, אַ וואַסער זייגער וואָס הענגט איבער מיין בעט און די וואַסער טריפט, פון אים טראָפּן ווייז, האַלבער נאַכט ווערט דער זייגער ליידיג און דער ראָד דרייט זיך איבער, און גיט אַ קלאַפּ און מאַכט אַ גרויסן רעש, פון דעם קול וועקן מיר זיך אַלע אויף.

## געלויבט איז גאָט וואָס ער האָט מיך אהער געברענגט, ווייל דאָ שטייט מען אויף האַלבער נאַכט

**דער בעל** אַכסניה איז ממשיך, אין דעם הויז איז געוועןן אַן אַלטער מאַן וואָס פלעגט שטענדיג אויף שטיין האַלבער נאַכט צו לערנען תורה, דעריבער האָט ער עס אַזוי געמאַכט. האָט רבי עקיבא געזאָגט, געלויבט איז גאָט וואָס ער האָט מיך אַהער געברענגט ווייל דאָ שטייט מען אויף האַלבער נאַכט.

## דער סוד פון "חֲצוֹת לַיְלָה אָקוּם לְהוֹדוֹת לָךְ"

**ו. ובהגיע,** און ווי עס איז געקומען האַלבער נאַכט, זענען אַלע אויף געשטאַנען און האָבן געלערנט תורה, האָט דער בעל הבית געזאָגט צו זיינע צוויי זין, אַז גאָט ברוך הוא גייט האַלבער נאַכט אין גן עדן אַריין און פרייט זיך מיט די צדיקים, און דעריבער האָט דוד

המלך געזאָגט (תהילים קיט, סב) ״חֲצוֹת לַיְלָה אָקוּם לְהוֹדוֹת לָךְ״ האַלבער נאַכט טוה איך אויף שטיין דיך צו לויבן. האָט רבי אַבאָ געזאָגט, דו זאָגסט זיכער גערעכט, נאָר פון וואו ווייסטו דאָס? האָט אים דער בעל הבית געזאָגט: אַזוי האָב איך געלערנט פון אַן אַנדערן אַלטן מאַן.

**ז. תו הוי אמר,** און נאָך האָט דער בעל אַכסניה געזאָגט פאַר זיינע קינדער, פון אָנפאַנג נאַכט ווערן דערוועקט דינים און זיי גייען און שוועבן אַרום דער וועלט ביי נאַכט אָבער פונקט האַלבער נאַכט גייט גאָט ב״ה אַריין אין גן עדן און די דינים געפונען שוין מער נישט, און ער האָט פיל סודות געזאָגט וועגן דעם, איז רבי אַבאָ און רבי יעקב געקומען און האבן אים געקושט, און דערווייל איז געקומען אַ קינד און זיי געפרעגט אַ שאַלה און זיי מגלה געווען גרויסע סודות, איז רבי אַבאָ אויף געשטאַנען און האָט געלייגט זיינע הענט אויפן קאָפּ פון קינד און אים געבענטשט.

## די חיוב אנצוגרייטן פאַרן ברית א שטול פאַר אליהו הנביא

**ח. פתח רבי אַבאָ,** האָט רבי אַבאָ אָנגעהויבן דרש׳נען פיל וואונדערליכע סודות וועגן די ענינים פון מילה, און געזאָגט: אין דער צייט וואָס דער פאָטער ברענגט אַריין זיין זון מל צו זיין, רופט גאָט ברוך הוא זיין פמליא און זאָגט, זעהט מיין פמליא וואָס מיינע געליבטע קינדער טוען אויף דער וועלט, אין דער זעלבער רגע ווערט אליהו הנביא אָנגעגרייט און שוועבט איבער די וועלט מיט פיר שוועבן און ווערט דאָרטן אָנגעגרייט ביי דער מילה, דעריבער האָבן מיר געלערנט אַז דער מענטש מוז אָנגרייטן אַ שטול פאַר אליהו הנביא, און מען רופט עס כסא של אליהו, און ער גייט אַרויף זאָגן עדות פאַר גאָט ברוך הוא אַז די אידן זענען מקיים דעם ברית פון אברהם אבינו.

**ט. אדהכי,** דער ווייל איז טאָג געוואָרן, זענען רבי אַבאָ און רבי יעקב אויף געשטאַנען און האָבן געוואָלט אַוועק גיין, האָט דער בעל אַכסניה זיי געזאָגט: דאָס וואָס איר האָט געלערנט ביי נאַכט זייט ממשיך? האָט רבי אַבאָ געזאָגט: וואָס מיינסטו מיט דעם? האָט ער זיי געענטפערט, איר וועט מאָרגן זעהן דעם מלאָך הברית וואָס דאָס איז אליהו הנביא, ווייל ביי מיר וועט מאָרגן זיין אַ ברית מילה. האָט רבי אַבאָ געזאָגט, דאָס איז אַ געבעט פון אַ מצוה און צו זעהן די שכינה דעריבער וועלן מיר דאָ בלייבן. האָבן זיי געוואַרט אַ גאַנצן טאָג. אויף דער נאַכט האָט דער בעל אַכסניה צונויף געזאַמלט אַלע זיינע פריינד און זיי געגעבן צו עסן, נאָכן עסן האָבן זיי געלערנט תורה און קיינער איז נישט איינגעשלאָפן.

## דער נאַכט פאַרן ברית מוז דאָס קינד האָבן אַ שמירה פון די מחבלים

**י. והובא,** עס ווערט געברענגט אין זוהר דער טעם דערפון, ווייל דער נאַכט פאַר׳ן ברית דאַרף דאָס קינד האָבן אַ גוטע שמירה פון די מחבלים, זיי זאָלן נישט מזיק זיין די יולדת און דעם קינד ח״ו, און דעריבער רופט מען די נאכט ״וואַך נאכט״, און מען לערנט אַ גאַנצע נאַכט, דעמאָלטס ווערט מקויים דער פסוק (אסתר ח, טז) ״לַיְּהוּדִים הָיְתָה אוֹרָה״ און ביי אידן איז געווען ליכטיג, דאָס איז די ליכטיקייט פון תורה, (מגילה טז, עב) ״וְשִׂמְחָה״ פרייליכקייט, דאָס מיינט מען מצות מילה, ״וִיקָר״ דאָס ווערדיקייט, דאָס מיינט מען מצות תפילין. און דער מענטש האָט איינגעזאַמלט אַלע זיינע ליבהאָבער די לומדי תורה און זיי האָבן געלערנט אַ גאַנצע נאכט.

## תורה באשיצט און איז מציל פון אַלערליי שאָדן פון דער וועלט

**יא. וכן,** און אַזוי דאַרף מען טאָן אין דער נאכט, ווייל די תורה באשיצט און איז מציל פון אַלערליי שאָדן פון דער וועלט, דער נאָך האט דער בעל הבית געזאָגט, איך בעט פון אייך, יעדער זאָל זאָגן אַ נייע דבר תורה אינעם ענין פון מצות מילה, און זיין כונה איז געווען, ווייל דברי תורה זענען אַ גרויסע הילף צו דער היטונג פון קינד און פון דער יולדת.

## דורך דער תורה וואָס מען לערנט אין דער וואַך נאכט ווערט אליהו הנביא אַנטפלעקט

**יב. ועוד,** נאָך ברענגט דער זוהר, אַז דורך דער תורה וואָס מען לערנט אין דער וואַך נאכט ווערט אליהו הנביא אַנטפלעקט מיט גרויס ליכטיקייט פונעם רצון פון גאָט ברוך הוא, און דורך דעם איז ער גורם פיל גוטס און הילף פאַר אידן. דער נאָך האָט רבי אַבאָ געזאָגט צום בעל הבית און צום אַלטן מאַן, ווייל איר זענט יאָ אַזוי קלוג און אַזעלכע גרויסע צדיקים, פאַרוואָס זיצט איר דאָ אין אַזאַ קליינעם דערפל און איר וואוינט נישט צווישן אַ קהילה וואו לומדים זענען? האָט דער בעל הבית געזאָגט: די פייגלען ווערן אַרויסגעריסן פון זייער אָרט ווייסן זיי נישט וואו צו פליען, אַזוי ווי עס שטייט (משלי כז, ח) "כְּצִפּוֹר נוֹדֶדֶת מִן קִנָּהּ" אַזוי ווי אַ פויגל וואָס ווערט פאַרוואָגלט פון איר נעסט "כֵּן אִישׁ נוֹדֵד מִמְּקוֹמוֹ" אַזוי איז דער מענטש וואָס ווערט פאַרוואָגלט פון זיין אָרט. אַזוי אויך, אַז מיר וועלן עוקר זיין אונזער וואוינונג פון דאָ, וואָס דאָס איז אונזער אָרט פאַר אונז אָנגעגרייט צו לערנען תורה וועלן מיר נישט ויסן אין וועלכן אָרט מיר זאָלן זיך באַזעצן צו לערנען תורה , ווייל דאָס אָרט איז אָנגעגרייט און מסוגל פאַר אונז צו לערנען תורה, און דער אָרט האָט אונז מזכה געווען מיט תורה, און אַזוי פירן מיר זיך: יעדן האַלבער נאַכט לערנען מיר

תורה ביז אינדערפרי, און דאָס איז אַ גזר דין פון הימל אַז מיר זאָלן זיצן אין דעם דאָזיגן אָרט, און פיל לומדים זענען דאָ געשטאָרבן ווייל זיי האָבן נישט געלערנט תורה, דעריבער לערנען מיר תורה טאָג און נאַכט און דאָס אָרט העלפט אונז צו דעם, און זיי זענען אַזוי געזעצן ביז עס איז טאָג געוואָרן.

## דאָס פנים פון רבי אַבאָ האָט געברענט ווי פייער פון צוליב דער חדוה פון תורה

**יג. כיון,** ווי עס איז טאָג געוואָרן, האָבן זיי געזאָגט צו די קינדער זיי זאָלן אַרויסגיין און זעהן אויב עס איז שוין עכט טאָג און דערנאָך זאָל יעדער פון זיי זאָגן אַ נייעם דבר תורה, זענען די קינדער אַרויס געגאַנגען און האָבן געזען אַז עס איז שוין עכט טאָג, האָט איין קינד געזאָגט, עס וועט היינט אַראָפּ קומען אַ גרויס פייער פון הימל; האָט דאָס אַנדערע קינד געזאָגט, דאָס פייער וועט זיין אין דעם דאָזיגן הויז; האָט דאָס דריטע קינד געזאגט, דאָ איז פאַרהאנען אַן אַלטע איד און ער איז אָנגעברייט פאַרברענט צו ווערן אין פייער. האָט רבי אַבאָ געזאָגט, גאָט זאָל אונז מציל זיין, און ער האָט זיך זייער געוואונדערט און האָט נישט געקענט רעדן, און אַזוי איז געווען, דאָס אין דעם זעלבן טאָג האָבן די חבריא געזען די שכינה און זענען אַרום גערינגלט געוואָרן אינעם פייער פון דעם שכינה, און דאָס פנים פון רבי אַבאָ האָט געברענט ווי פייער פון צוליב דער חדוה פון תורה.

## אליהו הנביא האָט געזאָגט דעם פסוק (תהילים סה, ה) "אַשְׁרֵי תִּבְחַר וּתְקָרֵב, יִשְׁכֹּן חֲצֵרֶיךָ, נִשְׂבְּעָה בְּטוּב בֵּיתֶךָ, קְדֹשׁ הֵיכָלֶךָ"

**יד. תאנא,** מיר האָבן געלערנט דעם דאָזיגן גאַנצן טאָג, זענען זיי קיינער נישט אַרויס פון הויז און האָבן זיך געפרייט מיט די נייע דברי תורה, וואָס זיי האָבן מחדש געווען גלייך ווי זיי וואָלטן דעם טאָג מקבל געווען די תורה פון הר סיני, און בשעת מען האָט

געברענגט דאָס קינד אין שול אַריין מל צו זיין האָבן זיי געהערט אַ קול וואָס אליהו הנביא האָט געזאָגט דעם פסוק (תהילים סה, ה) ״אַשְׁרֵי תִּבְחַר וּתְקָרֵב, יִשְׁכֹּן חֲצֵרֶיךָ, נִשְׂבְּעָה בְּטוּב בֵּיתֶךָ, קְדֹשׁ הֵיכָלֶךָ״ און דאָס איז אַ גרויסער סוד, ווייל אין דעם פסוק איז דאָ 42 אותיות קעגן דעם שם מ״ב און אין דעם פסוק איז דאָ 10 ווערטער. קעגן דעם שרייבט דער זוהר אַז דורך דעם וואָס מען זאָגט דער פסוק בשעת דער מילה קרוינט מען צעהן חופות פאַרן קינד אין עולם הבא.

## וואויל איז דעם מענטש וואָס מל׳ט זיין קינד מיט שמחה

**טו. ואחר כך,** דערנאָך האָט איין קינד געזאָגט, מיר האָבן געלערנט, יעדער וואָס איז מקריב זיין זון פאַר אַ קרבן, דאָס מיינט דער וואָס מאַכט אַ ברית מילה פאַר זיין זון, איז גלייך ווי ער איז מקריב אַלע קרבנות פון דער וועלט פאַר גאָט ברוך הוא, דעריבער מוז ער אָנגרייטן אַ כלי פול מיט ערד, מען זאָל דער אין אַריין וואַרפן די ערלה און דאָס ווערט גערעכנט פאַר גאָט ברוך הוא, גלייך ווי ער איז מקריב פאַר אים אַ קרבן עולה, און זיין קרבן ווערט גערעכנט פאַר אַ ריח ניחוח פאַר השי״ת. דעריבער וואויל איז דעם מענטש וואָס מל׳ט זיין קינד מיט שמחה, ער מוז זיך פרייען דעם גאַנצן טאָג פאַר גאָט ברוך הוא.

## וואויל איז אייך אויף דער וועלט און וואויל איז אייך אויף יענער וועלט

האָט רבי אַבאָ צו זיי געזאָגט: וואויל איז אייך אויף דער וועלט און וואויל איז אייך אויף יענער וועלט, און אויף אייך ווערט געזאָגט דער פסוק (דברים ד, ד) ״וְאַתֶּם הַדְּבֵקִים בַּה׳ אֱלֹקֵיכֶם, חַיִּים כֻּלְּכֶם הַיּוֹם״, און זיי האָבן זיך געפרייט אַ גאַנצן טאָג מיט דער פרייד פון תורה, און דאָס קינד וואָס מען האָט דאָ מל געווען איז געווען רב אידי בר יעקב וואָס ער איז געווען אַ תנא פון דער גמרא, האָט רבי אַבאָ אים געבענטשט און איז אַוועק געגאַנגען.

## די אַלע גוטע זאַכן זענען געווען באַהאַלטן ביי דיר און דו האָסט מיר זיי נישט געזאָגט

**טז. כד אתא,** ווען רבי אַבאָ איז געקומען צו רבי שמעון בן יוחאי האָט ער מורא געהאט אים איבערגעבן די רייד וואָס ער האָט געהערט פון די חסידים און פון די קינדער, כדי זיי זאָלן נישט געשטראָפט ווערן דורך אים, רבי שמעון בן יוחאי זאָל נישט גוזר זיין אויף זיי, זאָלן פאַרטריבן ווערן אויף אַן אַנדערן אָרט כדי זייער תורה זאָל מפורסם ווערן צווישן פיל לייט און זאָלן לערנען פון זיי. דער נאָך האָט רבי אַבאָ דערציילט פאַר רבי שמעון בן יוחאי אַלע זאַכן וואָס זענען פריער געשטאַנען, האָט רבי שמעון בן יוחאי געזאָגט צו אים, די אַלע גוטע זאַכן זענען געווען באַהאַלטן ביי דיר און דו האָסט מיר זיי נישט געזאָגט, דעריבער בין איך גוזר אויף דיר אַז דרייסיג טעג זאָלן די אַלע זאַכן פאַרגעסן ווערן פון דיר, ווייל עס שטייט (משלי ג, כז) "אַל תִּמְנַע טוֹב מִבְּעָלָיו" וְכוּ'. אין זוהר שטייט די מעשה מער באריכות.

## מאַך תורה פאַר אַ קביעות, און געשעפט-ענינים פאַר אַן ארעי (טפל)

**יז. על כן,** דעריבער דאַרף דער מענטש נזהר זיין, אויף צו שטיין האַלבער נאַכט צו דינען דעם באַשעפער, און עוסק זיין אין זיינע תפילות און לערנען תורה יעדער לויט זיין השגה, און ער זאָל מאַכן תורה פאַר אַ קביעות, און די געשעפט-עניינים פאַר אַן ארעי (טפל). און ווען עס ווערט געבוירן אַ בן זכר זאָל ער זעהן זיך צו פירן אַזוי ווי מיר האָבן פריער געשריבן, ווייל עס איז נישט קיין קליינעקייט מציל צו זיין אַ נפש פון מענטשן און באַהעפטן אידן מיט דער שכינה, און אויב ער טוט דאָס וועט זייער צדקות בלייבן שטיין אויף אייביג אָמֵן.

❖ ❖ ❖

# פרק ע״ד

## אין דעם פרק ווערט דערקלערט: אַז די נשמות פון צדיקים העלפן יעדן ירא שמים ניצול ווערן פון עבירות

**א. איתא,** עס שטייט אין זוהר פרשת נח (זוהר חדש. כו, ב), רבי אלעזר און זיין שווער רבי יוסי זענען געגאַנגען פון אושא קיין לוד, האָט רבי יוסי געזאָגט צו רבי אלעזר, אפשר האָסטו געהערט פון דיין פאָטער רבי שמעון בן יוחאי וואָס עס שטייט אין פסוק (בראשית לב, ב) ״ וְיַעֲקֹב הָלַךְ לְדַרְכּוֹ וַיִּפְגְּעוּ בוֹ מַלְאֲכֵי אֱלֹקִים״, און יעקב איז געגאַנגען אין וועג, און ער האָט באַגעגנט מלאַכי ה׳. ווער זענען געווען די מלאָכים? האָט רבי אלעזר געענטפערט, איך האָב נישט געהערט, און איך אַליין ווייס נישט.

## צוויי הינדן האָבן געטאָן אַ נחת רוח פאַר מיר

**ב. עד דהוי,** אַזוי גייענדיג אין וועג, האָבן זיי געזען אַן הייל, און געהערט אַ קול וואָס זאָגט: צוויי הינדן האָבן געטאָן אַ נחת רוח פאַר מיר, די מלאָכים וואָס האָבן באַגעגנט יעקב אבינו און געגאַנגען פאַר אים. האָט זיך רבי אלעזר זייער דערשראָקן און האָט געזאָגט, רבונו של עולם, עס וואָלט בעסער געווען ווען מיר הערן דאָס נישט, איידער עס צו הערן, און נישט פאַרשטיין דעם פירוש דערפון.

## איך האָב געפרעגט ווער זענען די מלאָכים געווען וואָס האָבן באַגעגנט יעקב, האָט מען מיר געענטפערט אברהם און יצחק

איז געשען אַ נס, און זיי האָבן געהערט אַ קול וואָס האָט געזאָגט, דאָס איז געווען אברהם און יצחק. איז רבי אלעזר געפאַלן אויף זיין פנים און געזעהן די צורה פון זיין פאָטער רבי שמעון בן יוחאי, האָט רבי אלעזר צו אים געזאָגט, איך האָב געפרעגט ווער זענען די מלאָכים

געווען וואָס האָבן באַגעגנט יעקב, האָט מען מיר געענטפערט אברהם און יצחק. איז מיר שווער: יצחק האָט דאָך נאָך דעמאָלטס געלעבט?

**בשעת די עקידה איז זיין נשמה אַרויס פון אים, און זי איז געוואָרן אַ מלאָך**

האָט אים רבי שמעון געענטפערט אַז בשעת די עקידה איז זיין נשמה אַרויס פון אים, און זי איז געוואָרן אַ מלאָך, און ער האָט זיך באַהאָפטן מיט דער נשמה פון אברהם און האָבן באַגעגנט יעקבן, און דעריבער האָט יעקב געזאָגט צו לבן (שם לא, מב) ״אֱלֹקֵי אָבִי, אֱלֹקֵי אַבְרָהָם וּפַחַד יִצְחָק הָיָה לִי״, דער גאָט פון מיין פאָטער אברהם און דער גאָט פון מיין פאָטער פחד יצחק איז געווען מיט מיר און האָט דיר נישט געלאָזט שלעכטס טאָן.

**יעדער מענטש זאָל געוואָרנט זיין נישט נכשל צו ווערן מיט שלעכטע מחשבות, ווייל דאָס וועט אים צוברענגן עובר צו זיין אויף האַרבע עבירות**

**ג. ואמר**, אויך האָט רבי שמעון בן יוחאי געזאָגט, נישט נאָר צו יעקב אַליין איז אָנגעגרייט געוואָרן די נשמות פון צדיקים, נאָר צו יעדן צדיק ווערט אָנגעגרייט די נשמות פון צדיקים, זיי זאָלן אים מציל זיין פון הרהורי עבירה, און אַוודאַי פון דער עבירה אַליין. אָבער נישט אַזוי ווערט געטאָן צו אַ מענטש וואָס געוואוינט זיך איין אין שלעכטע מחשבות, סיי אין שטאָט, סיי אין פעלד, אָדער ביי זיך אינדערהיים. פאַר דעם מענטש ווערט אָנגעגרייט אַ מזיק וואָס הייסט חני״ה, און ער איז ממונה איבער אַזעלכע מענטשן וואָס טראַכטן שטענדיג שלעכטע מחשבות. און אַזוי ווערט דער מענטש ניזוק, און דער מזיק לאָזט אים נישט אָפּ, ביז ער ברענגט אים צו אַן האַרבע זינד, און ער איז פוגם אין זיין נשמה אַ גרויסן פגם, און בסוף ימיו וועט ער אַוודאַי חרטה האָבן, און עס וועט זיין אַ שאָדן וואָס קערט זיך נישט אום.

**יעדער פלאַץ וואו אַ מענטש גייט זענען דא העלפערס פאַר זיינע מחשבות, סיי גוטס און סיי שלעכטס ח״ו**

**ד. למען,** דאָס זאָג איך דיר, כדי דו זאָלסט וויסן אַז אין יעדן פלאַץ וואו דו גייסט זענען דא העלפערס פאַר דיינע מחשבות, סיי גוט און סיי שלעכטע ח״ו. דערנאָך האָט רבי אלעזר געפרעגט זיין פאָטער רבי שמעון בן יוחאי, ווי חשוב זענען מיר אין עולם הבא? האָט רבי שמעון בן יוחאי געזאָגט צו אים: איך און דו וועלן זיך פרייען צוזאַמען מיט דוד מלך ישראל. איז רבי אלעזר שטיין געבליבן. אזוי שטייענדיג האָט רבי יוסי, רבי אלעזרס שווער געזען, ווי דער פנים פון זיין איידעם, רבי אלעזר שיינט ווי די זון אין הימל. האָט ער אים געפרעגט: האָסט עפעס געהערט אַ נייע דבר תורה? האָט רבי אלעזר אים געענטפערט: ניין! נאָר וואויל איז צו די צדיקים וואָס באַהעפטן זיך צו די נשמות פון צדיקים, מיטן סוד פון פסוק: ״כִּי מַלְאָכָיו יְצַוֶּה לָּךְ לִשְׁמָרְךָ בְּכָל דְּרָכֶיךָ״.

**מען זאָל נישט צו פיל הנאה האָבן פון תענוגי עולם הזה אַפילו אויב מען האָט געלט**

**ה. על כן,** דעריבער דו מענטש, וועגן דעם גאָט פון אידן, און וועגן דיין ריינע נשמה, וואָס זי איז אַרויס גענומען געוואָרן פון אונטערן כסא הכבוד פון הקדוש ברוך הוא, זעה דיינע וועגן, און קלוג זיך צו פאַררעכט דיינע וועגן, און טוה אָפּ דיינע אויגן פון זעהן שלעכטס, און געוואוין זיך איין צו קוקן אויף הייליגע זאַכן, אַזוי ווי איך האָב געשריבן אין פרק ב׳, און עס זאָל נישט זיין קיין מחשבה אין דיין האַרץ מקנא צו זיין אַן אַנדערן, און צוליב דעם וועסטו געראַטעוועט ווערן פון גזל און פון נישט ריין געלט. און אַפילו אויב דו האָסט איינגעזאַמלט אַסאַך געלט, זאָלסטו פון דעם געלט זיך נישט מאַכן צופיל תענוגים, און דו זאָלסט נישט מערן אין פרעסעריי, נאָר דיינע מחשבות זאָלן שטענדיג זיין: אַז דו וועסט נאָך דאַרפן אָפּגעבן אַ

דין וחשבון אויף אַלע דיבורים און זיכער אויף אלע שלעכטע און גוטע מעשים.

**אויף יענער וועלט איז נישט מעגליך צו לייקענען די שלעכטע מעשים, ווייל מלאָכים זאָגן עדות אויף דעם**

**ו. ואם תאמר,** און אפשר וועסטו זאָגן: איך וועל קענען לייקענען און זאָגן, איך האָב דאָס נישט געטאָן זאָלסטו וויסן אַז די עדים, דאָס זענען די מלאָכים וואָס זענען שטענדיג מיטן מענטש און זיי וועלן עדות זאָגן, אין וועלכן טאָג און אין וועלכן אָרט האָסטו געטאָן אַן עבירה אָדער אַ מצוה. און זיי קומען און שלאָגן אים אויפן פנים און זאָגן: רשע, ווי האָט דיין האַרץ דיך געלאָזט לייקענען דיינע מעשים פאַרן באַשעפער, וואָס אַלעס איז אַנטפּלעקט פאַר אים, און ער ווייסט אַלע מחשבות פון מענטשן, ער פּרואווט די הערצער און פאָרשט די נירן.

**דעריבער זאָל יעדער גוטע מעשה זיין טייער אין דיינע אויגן**

**ז. על כן,** דעריבער זאָל דער מענטש וויסן, אַז גאָט ברוך הוא איז מדקדק מיט זיינע באַשעפענישן אַפילו אויף אַ גרינגן דיבור און זיכער אויף אַ מעשה, און ער האָט פיל שלוחים און שווערע דינים וואָס זאָלן באַצאָלן פאַר די וואָס טוען נישט זיין ווילן. דעריבער זאָל יעדער גוטע מעשה זיין טייער אין דיינע אויגן, און ווען עס קומט פאַר אַ געלעגנהייט צו טאָן אַ מצוה זאָלסטו זיך שטאַרק פרייען, מער ווי ווען דו וואָלסט געטראָפן אַ טייער שטיינדל.

**אַ מצוה וואָס ווערט גערעכנט ווי אַ מת מצוה, זיי זיך מזרז איר מקיים צו זיין!**

**ח. ובפרט,** און בפרט אויב עס טרעפט זיך אַ מצוה וואָס קיינער וויל זי נישט טאָן, זאָלסטו זיין פון די זריזים און דו זאָלסט עס טאָן מיט אַלע דיינע מעגליכקייטן, מיט דיין גוף, געלט און מיט דיין

נשמה, ווייל אַ מצוה וואָס קיינער באַשעפטיגט זיך נישט מיט איר ווערט אָנגערופן אַ "מת מצוה" וואָס האָט קיין מתעסקים נישט, און דו שטאַרק זיך און זיי זוכה אין איר, ווייל מיט דעם וועסטו אויף הייבן דאָס הערשאַפט פון דער מצוה, אַזוי ווי הקדוש ברוך הוא דערהייבט דעם אָרימאַן פון די מיסט, און די מצוה וועט זיין פאַר דיר אַ מליץ יושר פאַר הקדוש ברוך הוא, און אויב עס ווערט נגזר אויף דעם מענטש אַ גזר דין, שטייט די מצוה פאַר אים ביים בית דין של מעלה ביז זי איז מבטל דעם גזר דין. און אויף דעם ווערט געזאָגט (איוב לג, כג) "אִם יֵשׁ עָלָיו מַלְאָךְ, מֵלִיץ אֶחָד מִנִּי אָלֶף לְהַגִּיד לְאָדָם יָשְׁרוֹ וְגוֹ'".

## דער שר הפנים צינדט אָן פאַר אים ליכט וואָס איז געמאַכט פון שיינקייט פון דער לויטערקייט און שכינה

**ט. ועל אחת כמה וכמה,** און אַוודאַי אויב דער מענטש לערנט תורה לשמה וואָס זי איז דאָס בעסטע פון אַלע מצוות, וועט זיין שכר געטאָפּלט ווערן, און בשעת ער שטאַרבט באַגלייט אים מלאך מטטרו"ן שר הפנים, און די גאַנצע פמליא של מעלה און זיי קליידן אים אָן אין אַלערליי טייערע קליידער און קרוינען, און דער שר הפנים צינדט אָן פאַר אים ליכט וואָס איז געמאַכט פון שיינקייט פון דער לויטערקייט און שכינה. און אויף דעם האָט דוד המלך עליו השלום און משה רבינו מתפלל געווען (תהילים קטז, ט) "אֶתְהַלֵּךְ לִפְנֵי ה' בְּאַרְצוֹת הַחַיִּים", איך זאָל גיין פאַר גאָט אין דעם ליכט פון לעבן.

**י. על כן,** דעריבער זאָל דער מענטש שטענדיג מתפלל זיין אַז גאָט ברוך הוא מיט זיין פיל רחמנות און זיינע חסדים זאָל אים מציל זיין פון אלערליי זינד און פאַלטשע ווערק, נאָר הקדוש ברוך הוא זאָל אים פירן אויפן גלייכן וועג, און הקדוש ברוך הוא וואָס ער איז דער בעל רחמים וועט צוהערן צום קול וואָס בעט אים מיט אַ צובראָכען האַרץ און ער וועט אים געבן אַ כשר האַרץ אָמֵן.